ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה
## ספר
# תורת צדיקים

אידיש

148

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"א לפ"ק

# ספר

# תורת צדיקים

מיר האבען איבערגעזעצט פון טהייערע ספרים אויף עברי טייטש הייליגע ווערטער פון גרויסע תלמידי חכמים וואס האבען פערלויכטען די וועלט מיט זייער תורה.

ווארשא

שנת תרמ״ב לפ״ק

**ТОРАСЪ ЦАДИКИМЪ**

т. е. Ученіе праведныхъ.

ВАРШАВА

Дозволено Цензурою.
Варшава 5 (17) Ноября 1876 г.

---

Въ Типог. П. ЛЕБЕНСОНА
ул. Францишканская №, 1819

# מִיר הָאבֶּען אִיבֶּערְגֶעזֶעצְט פוּן טְהַייעֶרֶע סְפָרִים אוֹיף עִבְרִי טַייטְשׁ הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן גְרוֹיסֶע תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וָואס הָאבֶּען פֶּערלוֹיכְטֶען דִי וֶועלט מִיט זַייעֶר תּוֹרָה.

אַז הָרַב ר' יוֹנָתָן מִפְּרָאג אִיז גֶוֶועְן אַיוּנְגֶער הָאט מֶען אִים גֶרֶעט אַשִׁידוּךְ פַאר אַגְרוֹסֶען גְבִירְס אַקִינְד • אוּנ דֶער גְבִיר הָאט זִיךְ מִתְחַייֵב גֶוֶועְן זַייעֶר פִיל נַדִין נָאר עֶס אִיז גֶבְּלוֹבֶּן אַז מֶען זָאל פַאר הֶערֶן דֶעם חָתָן • אַזוֹ אִיז גֶוֶועְן בֵּיידֶע מְחוּתָּנִים זֶענֶן זִיךְ צוּא נוֹף גֶפָארִין אוּנ מָען הָאט גֶבְּרַאכְט אַלַמְדָן מוּפְלָג בַּתּוֹרָה עֶר זָאל פַאר הֶערֶן דֶעם חָתָן צוּא קֶען עֶר לֶערְנִין דִיא בֵּיידֶע מְחוּתָּנִים זֶענֶן זִיךְ צוּא נוֹף גֶפָארֶן אִין אַדָארְף קַיין סְפָרִים הָאט מֶען נִיט מִיט גֶנוּמֶן מֶען הָאט גְרָאד פַאר גֶעסִין מִיט צוּא נֶעמֶן • וִויא זַייא קוּמֶן אִין דָארְף הָאבֶּן זַייא זִיךְ עֶרְשְׁט אוּם גֶקוּקְט אַז זַייא הָאבֶּן קַיין סְפָרִים נִיט אוּף צוּא פַאר הֶערֶן דֶעם חָתָן • זַייא גַייעֶן אוּם מִיט יְסוּרִים זַייא פְרֶעגֶן דֶעם בַּעַל הַבַּיִת אוּב עֶר הָאט עֶפִּים סְפָרִים • עֶר עֶנְפֶּערְט זַייא אַז עֶר הָאט נִיט קַיין שׁוּם סֵפֶר • דֶער פַאר הֶערֶער הָאט דֶער זֶעהְן אַסִידוּר אוּף דֶעם טִישׁ • הָאט דֶער פַאר הֶע, עֶר גְזָאגְט • דָאס קוּנְד וָואס הָאט אַשַׁארְפֶען מוֹחַ קֶען זָאגֶן אוּמוּדִים • הָאט עֶר אִים אוּף גֶמוּשְׁט רַבִּי יִשְׁמָעֵאל אוֹמֵר בִּשְׁלֹשׁ עֶשְׂרֵה מִדּוֹת הַתּוֹרָה נִדְרֶשֶׁת וכו' • אִיז צוּא גֶגַאנְגֶן דֶער חָתָן אוּנ הָאט גְזָאגְט עֶס אִיז דָא פַאראַנִין דְרַייא קֻשְׁיוֹת • אֵיין קֻשְׁיָא פַאר וָואס רוּפְט מֶען אַיוּד מִיט דֶעם נָאמִין יִשְׁמָעֵאל • יִשְׁמָעֵאל אִיז דָאךְ גָאר גֶוֶועְן אַרָשָׁע וִויא קוּמְט דָאס אַז מֶען זָאל אוּם רוּפֶן יִשְׁמָעֵאל • אוּנ דִיא אַנְדֶערִי קֻשְׁיָא וָואס זָאגְט עֶר אוֹמֵר עֶר ווָאלְט גְזָאגְט • עֶס וָואלְט גֶדַארְפְט שְׁטֵיין אָמַר עֶר הָט גְזָאגְט:

ווארום

וואררום דארט ווייא צווייא קרוגן איז שייך צוא זאגן דער זאגט אזו אונ
דער זאגט אזו · אבער דא קרוגים זיך קיינר ניט וואלט גיארפט שטיין
אמר · וואס שטייט אומר · אונ דיא דרוסע קשיא וואס זאגט ער אז דיא
תורה ווערט גידרשית אונ אבלל ופרט · דאס איז נאר רעכט נאך דעם
מ״ר וואס ער זאגט אז עס איז דא אין דער תורה אמוקדם ומאוחר ·
אבער נאך דעם מ״ד וואס ער זאגט אז אין דער תורה איז ניט דא קיין
מוקדם ומאוחר · קען דאך זיין אז דאס וואס איז גוועזן פריער שטייט
שפעטער אונ דאס וואס איז גוועזן שפעטער איז גוועזן פריער · איז דאך
דאס נאר ניט קיין כלל ופרט · עס קען דאך זיין אז דער כלל איז גוועזן
נאך דעם פרט אונ דר פרט איז גיוועזן נאך דעם כלל · נאר אונזרי חכמים
האבן גזאגט אין דר גמרא בבא בתרא אז ישמעאל האט גטאן תשובה
וואררום עס שטייט ביי אברהמס קבורה ויקברו אותו יצחק וישמעאל
בניו · איז דאך אקשיא וויא קומט אז יצחק זאל שטיין פאר ישמעאלין
ישמעאל איז דאך גיוועזן דער עלטערר זון · איז גדרונגן אז ישמעאל
האט תשובה גטאן אונ האט אפ גיט ילט כבוד יצחקין · איז דאך אזין
אקשיא דאס איז נאר רעכט נאך דעם מ״ד וואס ער זאגט אז יש מוקדם
ומאוחר בתורה · אבער נאך דעם וואס ער זאגט אז עס איז ניט פאראנגן
מוקדם ומאוחר בתורה · איז דאך שון ניט גדרונגן אז ישמעאל האט
תשובה גטאן · וואררום וויא באלד אז איך זאג אין דר תורה איז ניט אזו
וויא עס שטייט קען דאך זיין אז ישמעאל איז טאקע גגאנגן פאר יצחקין
נאר אלי קשיות איז אן גהאנגן אייגם אין דעם אנדערין · וואררום דם
ווארט אומר ווייזט מיר אז דיא זאך זאגט אזו · דהיינו איך לערין דר פון
אם אז אזו איז דיא כוונה ר׳ ישמעאל · ווען ער רופט אן איוד ישמעאל
אונ מען טאר דאך ניט רופן איוד ישמעאל וואררום שם רשעים ירקב ·
דער נאמן פון דיא רשעים זאל פאר פוילט ווערן · מען זאל אים קיין
מאל ניט דר מאנין מוז איך זאגן אז ישמעאל האט תשובה גטאן · וואררום
עס שטייט דאך יצחק וישמעאל בניו · אונ עס שטייט יצחק פריער מוז
איך זאגן אז ישמעאל האט תשובה גטאן אונ האט אפ גגעבן כבוד צוא
יצחקין · איז זיך דר פון גדרונגן אז יש מוקדם ומאוחר בתורה · וואררום
אז ניט איז דאך קיין ראיה ניט אז ער האט גטאן תשובה · אומר קומט
דאס מיר צוא זאגן אז התורה · נדרשת בכלל ופרט · וואררום אז יש
מוקדם ומאוחר בתורה · הייסט דם שון אגוטר כלל ופרט · ופרט וכלל :
בשר שבטבחים שותפו של עמלק · דר ערליכר פון די קצבים איז דר
שותף פון עמלק · וואררום דם ווייסט מען וואל אז דר ים ווערט
גבורין אין מזל מאדים מוז ער זיין אבלוט ניסער · אודר אמוהל אודער

אמתחת · איז אזוי · דר וואס איז אקלוגר קלויבט ער זיך אום ער זאל בעסר
זיין אמוהל · אונ זאל שטענדיג טאן אמצוה · אובר דער וואס איז אנאר
קלויבט ער זיך אום ער זאל זיין אקצוב · איז ער דאך מבזה מצות מילה ·
אונ עמלק האט אויך מבזה געוועזן מצות מילה ער האט אפ געשניטן דיא
ערלות פון דיא יודן האט ער זיך אויך מבזה געוועזן מצות מילה · דאס
מיינט מען כשר שבטבחים איז ער פון דיא שותפים פון עמלק ווארום
ער הט געהאט בייד צו זיין אמוהל ער זאל טאן אמצוה הט ער דם מבזה
געוועזן אונ איז געווארן אקצוב :

דהרב ר' משה חפץ איז געוועזן רב אין צאוויש איז אויף אים שטענדיג געוועזן
אמחלוקת מען האט אים ניט געוואלט פר ארב מתחת ער הט קיינם
קיין כבוד ניט אפ געגעבן אונ ער אליין האט זייער געוואלט זיין ארב אין
פינסק נאר אין פינסק הט מען אים ניט געוואלט פאר ארב מהאי טעמא
ווייל זייא האבן געווסט אז ער איז אין צאוויש אונ גיט קיינם קיין כבוד
ניט אפ · איין מאל הט ער געזאגט אז ער הט אקל וחומר אז ער וועט
זיין רב אין פינסק · מאי דאך צאוויש · וואס זייא ווילן מיך ניט איך זאל
זיין בייא זיי ארב · ווילן זיי איך זאל זיין אין פינסק · פינסק וואס זייא
ווילן אנדרשט איך זאל זיין אין צאוויש · איז שון אקל וחומר אז זיי ווילן
איך זאל זיין אין פינסק · דעם קל וחומר קען מען שון ניט אפ פרעגן :

אין אשטאט איז געשטארבן אגרויסר גביר · ער איז געוועזן אמלוה בריבית
אונ געהערט נעמן גרויסי פראצענטין אונ פלעגט קיין מאל קיין נדבה
געבן אונ קיין גמילת חסד הט ער אויך קיין מאל ניט געטאן · אז ער איז
געשטארבן האבן די חברה קדושה אים ניט געוואלט מקבר זיין ביז דיא
זון וויינע זאלן געבן אכט הונדערט גילדן פאר דר קרקע הט דם די קונדר
זייער פר דראסן ווען זיי געגאנגן צו קלאגן די חברה קדושה פר דעם שר
פון דר שטאט · אונ האבן אים דר צייילט דיא גאנצי מעשה · אונ האבן
אים געבעטן ער זאל הייסן מען זאל מקבר זיין זייער פאטר · אזו האט דר
שר געשיקט רופן דעם גבאי פון דר חברה קדושה · אונ הט אים געפרעגט
פר וואס ער וויל אים ניט מקבר זיין אונ וויל אכט הונדערט גילדן : האט אים
דר גבאי געענפערט · בייא אונז אין דר גמרא שטייט · דער וואס לייט געלד
אויף פראצענט וועט ער ניט אויף שטיין תחית המתים · אונ ער איז געווארן
אגביר דער פון וואס ער הט גנומן גרויסי פראצענטין · וועט ער דאך ניט
אויף שטיין צוא תחית המתים · אונ מיר האפין אלע טאג אויף תחית
המתים : איבר דעם איז אזו בייא אונז דר מנהג · אז אמענטש שטארבט
בצאלט ער אונז עטליכי גילדן פר אשטיקל ערד נאר מיר האפן אז עס
וועט באלד זיין תחית המתים וועט זיך אום קערן צוריק צוא אונז דאס

שטיקל

שטיקעל ערד ...ן ביר נאר ווערדיג מען דארף נעמן · אבר דר גביר וועט זיך ניט אוף שטיין קיין מאל דארט ער זיך שוין האבן אשטיקל ערד אוף אייביג · ווילן מיר ער זאל אונז בייא צאלין אכט הונדערט גילדען פר דר ערד וואס ער דארט האבין · איז דר תירוץ דעם שר זייער גיפעלין האט ער גיהייסן דיא קונדר זייא זאלן באצאלן אכט הונדערט גילדען אין מען זאל אים מקבר זיין :

הרב הקדוש איז אמאל גקומן אין אשטאט ער זאל זיך דארט באזעצן אין דער שטאט איז דארט גוועזן אווינשענקער אין בייא דעם ווינשענקער איז גוועזן אמשרת · דער משרת האט געביך גיהאריוויט אצייטם ביז השי"ת הט אים גהאלפן ער הט זיך צו נויף גיקליבן הונדערט רו"כ · אז עס איז גקומן ערב שבת האט ער קיינעם ניט גוואלט אפ געבן צו בייא האלטן דס געלט · נאר האט גנומן דס געלט אין הט דס בהאלטן אונטר דיא פעסער וויין · אז עס איז גקומן מוצאי שבת איז ער גגאנגן זוכן דס געלט · וויא ער הט אקיק גטאן אז דס געלט איז ניט דא הט ער זייער גישריגן אין הט געבוך זייער גישכאק גוויינט · איז דר רב דער פון גוואר גווארן האט ער גשיקט רופן דעם משרת מיט דעם בעל הבית אין הט גפרעגט דעם בעל הבית אוף דעם געלט האט דר בעל הבית געענפרט אז ער ווייסט גאר ניט פון דעם געלט · הט אים דר רב גזאגט · וויא באלד די ווייסט ניט פון דעם געלט קען דאך זיין אז אגוי הט צו גנומן דס געלט פון אונטר די פעסר · האט ער זיך שון גאסירת דיין וויין · ע"כ זאלסטו ווייסן אז איך וועל הייסן אום רופן אין אלי בתי מדרשים אז דו' וויין פון דעם וויין שענקר איז נסך · וויא דר וויין שענקר האט דאס דר הערט האט ער זיך באלד מודה גוועזן אז ער אליין הט צו גנומן דס געלט הט מען אים ניט גוואלט גלייבן ביז ער הט אפ גבראכט דס געלט אין דר משרת הט דר קענט די נעמלכי מטבעות:

איין מענטש הט זיך מל גוועזן צו דרייסיג יאר · ווייל בייא זיין מוטר פלעגין שטארבן דיא קונדר תיכף ווא מען האט זיא מלע גיוועזן איבר דעם האט מען אים שון ניט גטארט מל זיין קליינר הייט · נאר אז ער איז אלט גוועזן דרייסיג יאר הט ער זיך מל גוועזן · ער איז שולדיג גוועזן איין מענשן געלט הט אים יענר גשריבן אבריף ער זאל אים בייא צאלין זיין געלט אין הט אים גשריבן מל ולא פרע · כאילו לא מל :

עם שטיים עם לבן גרתי · שרייבט רש"י ז"ל דס הייסט איך בין ניט גווארן קיין שר אין קיין חשוב נאר איין גר יעקב הט אזו גזאגט דר טייטש הט מיך גבענטשט הוי גביר לאחיך ולא נתקיימה בי · עס איז פייקע צוו · פון דיא אותיות גביר אז מען נעמט ארויס די אותיות בי

בלייבט איבר גר דס הט יעקב גזאגט סיין טאטע הט מיך גבענשט הוי גביר לאחיך איז ניט מקוים גווארן דיא אותיות בי׳ איז איבר גיבליבן דיא אותיות גר :

זבתולה אבת ת״ח נאך איר חופה הט זיא גזאגט שמחתי באומרים לי איך האב זיך זייער גיפרייט אז איך הב גהערט דס ווארט לי הרי את מקודשת לי ווארום איך ווייס שון אז בית ה׳ נלך איך וועל שון גיין אין שיל אריין גלייך מיט אלי ווייבר ווארום אמיידיל גייט דאך ניט אין שיל אריין · דרובר האט זיא גזאגט דעם פסוק שמחתי באומרים לי בית ה׳ נלך :

דער ט״ז אז ער איז גוועזן איונגל הט ער גלערנט ביי דעם ב״ח יבאין אז דער ב״ח ז״ל האט געזעהן וואס פר אחריף דר ט״ז איז האט ער אים פר קנאסט פר זייני אטאכטר · איין מאל האט דר ב״ח גנומן זיין טאכטר אין האט זיך מיט איר גשפילט אין האט צו איר גזאגט בוזט אזו שיין וויא די לבנה · הט זיך דר ט״ז אן גרופן עס איז שון די צייט מען זאל מקדש זיין דיא לבנה ע׳ כתובות כ״ב :

איין גרוסר גביר האט גנומן איין איידים פאר זיינער אטאכטר זייער אגרוסר למדן אין אפרייער יונגער מאן אז דיא גאנצי שטאט הט אים מקנא גוועזן אוף דעם איידעם · דיא טאכטר איז אבר גוועזן זייער אמרשעת זיא פלעג אים נעביך טאן מער צום טוט וויא צום לעבן דר יונגר מאן וואלט נעביך גערין גוועזן פטור ווערן פון איר נאר עס איז גוועזן אומטגליך · ער הט זיך נעביך גזיכט כל התחבולות: עס הט ארץ ניט גהאלפן · דר יונגר מאן הט זיך ביא קלערט איין אנדר עצה הט אן גהובן אלי טאג ארום צו גנבנין דאס געלט פון דעם מתן בסתר דר גבאי פינם קלויז הט זיך אום גקוקט אז מען גנבית פון דעם מתן בסתר נאר ער הט ניט גוויסט ווער עס גנבית הכלל מען הט זיך אן גהובן צו קוקן · אין גוט נאך קלערין ביז וואנין מען האט דער קלערט אז דעם גבירס איידעם גנבית פון דעם מתן בסתר איז מען גלאפן צו דעם גביר אין מען הט אים דר ציילט אז זיין איידעם איז אגנב · אזו האט דער גביר באלד אפ גינעט דם פאר פארק · נאך דעם גט איז דר יונגר מאן גגאנגן צום גבאי אין הט אום אפ גבראכט דאס גאנצי געלט מיט איין צעטיל פיל געלט ער פלעג ארום נעמן אלי טאג פון דעם מתן בסתר אין הט אן גשריבן אוף דעם קעטיל פין מתן בסתר אשה רע מר ממות וצדקה תציל ממות · איבר דעם וואס ער האט גהאט איין אשת רע אין האט פון איר ניט גקענט פטור ווערין האט ער גמוזט מקיים זיין וצדקה תציל ממות :

איין שׁדכן הָט גרעט איין שׁידוך צוּ אָנרעדן גְבִיר הָט עֶר אִים גשׁריבּן איין בְּרִיף אַז דֶר אֲבִי הֶחָתָן פַר מָאג ח' אֶלֶף רו"כ אִין דֶער אֲבִי הַחָתָן פַאר מָאג ש' אֶלֶף רו"כ אִין דֶר חָתָן אִיז אַבֶּן יָחִיד אִין דֶער אֲבִי הֶחָתָן אִיז אוֹךְ אַבֶּן יָחִיד אִיבֶּר דֶעם אִיז דֶר חָתָן אָן גְרֵייט צוּ זַיין אַגְרוֹזֶער גְבִיר · הָאט אִים דֶר גְבִיר גֶענְפֶערְט אַז אַזֵי וֶוענִין אָן גִיגְרֵייט צוּ זַיין גְרוֹסִי גְבִירִים אָבֶּר נִיט אַלֶע זֶוענִין אָן גִיבְּרֵייט צוּ זַיין שֵׁיינֶע אָרוֹמִי לַייט וְואס שְׁרַייבְּסְטוּ מִיר אַז דֶער חָתָן אִיז אָן גִיבְּרֵייט צוּ זַיין אַיין גְרוֹזֶער גְבִיר · שְׁרַייבּ מִיר צוּ קֶען עֶר זַיין אַיין עָנִי הָגוּן דָס מֵיינְט מָען אוֹבּ עֶר קֶען לֶערְנִין אִין אִיז אַפְרוֹמֶר וָוארוּם גֶעלְט אִיז קַאלְכְּדִיג אַז עֶס אִיז נִיט בַּשֶׁערְט צוּ הָאבֶּן מֶעג מֶען יַרְשֶׁנִין מִי יוֹדֵעַ · בְּלַייבְּט נִיט דֶר עִיקָר אִיז דָאס קֶרֶן ׃

הָרַב הַגָּדוֹל ר' בָּרוּךְ מָרְדְכַי מִבְּרִיסְק הָט גְזָאגְט צוּ זַיין מְחוּתָּן מִיר מָאן אַזֶּבֶר פוּן מַצָּה וּמָרוֹר וַוייל דִי מִצְרִים הָאבֶּן אוּנְז פַר בּוּטֶערְט דָם לֶעבֶּן אִיז דָאךְ אַקַשְׁיָא פַר וָוס לַייגְן מִיר נִיט אַנִידֶר אַבַּאטֶעלִי גֶעלְט פַר אַזֶּבֶר וְאַחֲרֵי כֵן יֵצְאוּ בִּרְכוּשׁ גָּדוֹל · נָאר דֶר אֱמֶת אִיז אַז פוּן דֶעם גֶעלְט אִיז אָפִילוּ קֵיין זֵכֶר נִיט אִיבֶּר גִבְּלִיבֶּן ׃

עֶס שְׁטֵייט אִין דֶער מְגִילָּה אַז אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה הָט גְזָאגְט וְצוּמוּ עָלַי וְאַל תֹּאכְלוּ וְאַל תִּשְׁתּוּ שְׁלֹשֶׁת יָמִים לַיְלָה וָיוֹם גַּם אֲנִי וְנַעֲרוֹתַי אָצוּם כֵּן וכו' וָוארוּם דִי חֲכָמִים ז"ל הָאבֶּן גְזָאגְט אַז דֶר וָוס עֶסְט נִיט דְרַייא מֵעֵת לְעֵת רְצוּפִים דָם טְרֶעפְט אָן צְוַוייא אוּנ זִיבְּעצִיג שָׁעָה שְׁטִינְקְט אִים פוּן דֶעם מוּל · אִיבֶּר דֶעם הָט אֶסְתֵּר גְזָאגְט אֲנִי וְנַעֲרוֹתַי אָצוּם כֵּן · וָוס כֵּן בַּטְרֶעפְט נָאר זִיבְּצִיג מֶער נִיט וָוארוּם אַז זִיא וֶועט אוֹךְ פַאסְטֶען צְוַוייא אוּנ זִיבְּצִיג שָׁעָה עֶס הֵייסְט דְרַייא מֵעֵת לְעֵת וֶועט זִי דָאךְ נִיט גְפוּנֶן קֵיין חֵן בַּאדֶעם מַלְכוּת אוֹבֶּר דָם הָט זִיא גְזָאגְט · וְצוּמוּ עָלַי וְאַל תֹּאכְלוּ וְאַל תִּשְׁתּוּ שְׁלֹשֶׁת יָמִים לַיְלָה וָיוֹם · דָס אִיז צְוַויי אוּנ זִיבְּצִיג שָׁעָה · גַּם אֲנִי וְנַעֲרוֹתַי אָצוּם כֵּן אִיךְ וֶועל אוֹךְ פַאסְטֶן זִיבְּצִיג שָׁעָה אַזוֹ וַוי כֵּן בַּטְרֶעפְט וָוארוּם וּבְכֵן אַז אִיךְ וֶועל פַאסְטֶן צְוַויי אוּנ זִיבְּצִיג שָׁעָה אָבוֹא אֶל הַמֶּלֶךְ אֲשֶׁר לֹא כַדָּת וֶועל אִיךְ שׁוֹן קוּטֶן צוּם מֶלֶךְ נִיט אַזוֹ וַוי דֶר דִין וָוארוּם אִיךְ וֶועל דָאךְ שׁוֹן הָאבֶּן רֵיחַ הַפֶּה · וְכַאֲשֶׁר אָבַדְתִּי אָבָדְתִּי אַזוֹ וַויא אִיךְ בִּין פַאר לָארֶען גְוָוארֶען פוּן מַיין טַאטִינְס מִשְׁפָּחָה אַזוֹ וֶועל אִיךְ פוּן דֶעם מֶלֶךְ אוֹךְ פַאר לָארֶן וֶוערֶן ׃

עֶס אִיז דָא אַמִדְרָשׁ · וָוס הָט אָדָם הָרִאשׁוֹן גְזֶעהְן וָוס עֶר הָט גְזוּנְדִיגְט עֶנְפֶערְט דֶר מִדְרָשׁ עֶר הָט גְזֶעהְן צְוַוייא הָט עֶר גְזוּנְדִיגְט הָאט מֶען דָס גְפְרֶעגְט דֶעם שׁוֹפְּטִיוָוקֶער רַב הָט עֶר גְזָאגְט וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין אָבוֹת הִסְתַּכֵּל בִּשְׁלֹשָׁה דְבָרִים וְעִסְתִּי נִיט קוּמֶן צוּ אֵיין עֲבֵירָה · דָאס

פרעגט

פרעגט דר מדרש וואס אדם הראשון האט געזעהן וואס ער האט געזינדיגט
ענפערט דר מדרש ראה שתים ער האט געזעהן צוויי וויל ער האט מער ניט
געזעהן צוויי דריבער האט ער געזינדיגט אובר ווען ער זאל געוועזן זעהן אלי
דרייא וואלט ער ניט געוועזן געזינדיגט :

איין חסיד איז אמאל געפארן צום רבין ווי ער איז געקומען אין מיטן וועג
האט אים ניט געכטייעט אויף הוצאות האט ער פר זעצט דעם טלית
ותפילין אז ער איז געקומען צום רבין האט ער געזאגט צדיק בתמר · דר רבי
דר צדיק איז געגליכן צוא תמרין אז יהודה איז געוועזן ביא תמרין האט
ער אויך געמוזט געבין אמשכון דעם טלית אונ תפילין · א.ו. אז מען וויל
פארן צום רבין דארף מען אויך פר זעצן דעם טלית ותפילין :

פאר וואס אז איינר שטייט אום שמונה עשרה איז גייט צוריק דיא שלש
פסיעות טאר מען אים ניט איבר גיין דעם וועג · ווארום בעת
שמונה עשרה האט ער דאך אוודאי געמאכט עפים צנ שעפט · אז מען גייט
אים איבר דעם וועג איז מען עובר אויף לא תסיג גבול רעך :

עס האט איינר אפ געראכט דעם סדר אין פסח אונ האט געזאגט דיא הגדה
זייער געשמאק זענען געשטאנען אין דרויסן עטליכי מענטשן אונ האבן
פון אי- זייער גיזאגט · איינר האט זיך ניט געקענט איין האלטן אונ איז
אריין גיגאנגן צוא אים זיין מזל טוב אונ פרעגט אים וויא האלט איר זיין
דר הגדה האט ער אים געענפערט · איך האלט וארתא כלבא :

עס האט איינר געשפעט פון דעם אנדערן עס איז געשטאנען איין אלטר יוד
האט דס אים זייער פר דראסן איז דר אלטר צו געגאנגען צו דעם וואס
ער האט געשפעט אונ פרעגט אים וואס מאכסטו · קוקט ער אים אן · אונ
האט אויף דעם אלטן געקוקט איין ערך פון צעהן מינוט אונ פרעגט אים
ווער זענט איר · האט אים דר אלטר געענפערט קענסט זיך שעמין איך בין
איין אלטר מאן קען איך מער דר קענן אמענטש וויא דוא · האט ער אים
געענפערט יוא אלטיטשקער איר זענט מיר קענטליך · נאר איך ווייס ניט
וויא איך האב איך געזעהן · האט אים דר אלטר געענפערט איך האב דיך
געזעהן היינט נאך פסח · ווארום איך האב איין הגדה איז אין איר אוים
געמאלט דיא פיר זין · איינר איז אתם דער אנדערר איז אהכם אונ דער
דריטער איז ארשע אונ דר פערדר איז אשאינו יודע לשאול · אונ די אלי
פיר זענען אום געמאלט מיט זייערי צורות · אצונד אז איך האב דיך דער
זעהן איז פונקט דיא צורה פון דעם רשע · דיא אייגעני פורמע :

אין איין גרויסר שטאט איז געוועזן אצדיק ר' זאב אין גרויסר גאון ער
פלעגט אלי שבת דרשענען ברבים איין מאל האט ער געזאגט אמשל ·
עס איז געוועזן אמענטש וואס דר מלכות האט אים באוויליגט אונ האט גהייסן

אז מען זאל פאר אים עפענין זיינו אוצרות וואס דארט ליגט אלי טייערי זאכן · אונ הט אים גהייסן ער זאל זיך נעמן וואס ער וויל נאר ער האט אים געגעבן צייט אויף צוויי שעה זאל ער דארט זיין אונ נעמין וואס ער וויל אונ מער ווי צוויי שעה זאל ער ניט זיין דארט אונ דר מלכות האט ארום גנומן זיין זייגר פון דר קעשינו אונ האט אים אפ גגעבן דעם שומר פון דיא אוצרות אונ האט אים גזאגט זאלסט קוקן אויף דעם זייגר אז עס וועט אום גיין צווייא שעה זאלסט דוא דעם מענטשן ארויס טרייבן פון דיזע אוצרות · אונ זאלסט אים נאר ניט לאזן נעמן · אין דער מלכות האט גוויסט אז דער מענטש איז איין יודע נגן ער האט דער צו זייער חשק · האט ער גנומן איינם פון זיינע קנעכט וואס ער קען גיט שפילען אויף אפידעל האט אים דער מלכות גהייסן ער זאל זיך שטעלן לעבן דיא אוצרות אונ זאל שפילען אקעגן דעם מענטשן וואס ער שטייט ביא דעם אוצר האט דער קנעכט אזו גטאן · וויא דער מענטש האט נאר וואס גוואלט עפיס נעמין פון דעם אוצר האט ער דער הערט אז מען שפילט זייער שין אויף אפידעל האט ער גנייגט זיין אויער צום שפילן מיט אזייא חשק אז ער האט זיך גאר פאר געסין אז ער שטייט אין דיא אוצרות פון דעם מלך · ער האט זיך אזו לאנג פאר טיפט זיין דעם שפילען ביז עס איז איבער גגאנגן דיא צווייא שעה · אזו איז צו גגאנגן דער שומר וואס האט גהאלטן דעם זייגער אונ זאגט אים גייא ארויס פון דאנין עס איז שון נאך צווייא שעה וואס דיא האסט גיהאט רשות צוא זיין דא אין דיא אוצרות · האט דער מענטש גבעטן דעם שומר ער זאל אים לאזן זיין נאך אקליינע ווילע האט אים דר שומר גענפערט ניין גיין עס קען ניט זיין דוא מוזט. שון ארום גיין פון דאנין · דאס משל פאר שטייט יעדר מענטש · דעם מלכות מיינט מען הקדוש ברוך הוא דער אוצר איז דיא תורה דיא אבני חפץ איז דיא מצות ומעשים טובים אונ דער וואס שפילט אויף דעם פידעל איז דער יצר הרע אונ דער שומר איז דער טויט · אונ דער זייגר איז דיא צייט וואס דר מענטש לעבט אויף דער וועלט · והבן :

לפום צערא אגרא · וואס מער אצער מען האט אזו איין בצאלינג האט מען · עס איז דא אמשל · איין מלכות האט זיך גבויעט זייער איין טייער פאלין האט ער גבראכט מאלערוס פון אויים לאנד · ער האט גבראכט פיר מאלערים אונ האט זייא אפ געגעבן אחדר זייא זאלן אים אים מאלן איטלעכר זאל אוים מאלן אן ארט · אונ האט זייא גזאגט · וועמעס וואנט עס וועט זיין שענר דר וועט נעמן מיין גצאלין ·

אונ

אונ האט זייא געגעבן איין ציל אוף יעקם חדשים · דרייא פון זייא האבן זיך גנומן צוא דער ארבייט אונ האבן דיא גאנצי צייט נאר פאר בראכט אין דר ארבייט זיי האבן כסדר נאר גמאלט אונ האבן גמאכט אלערלייא אנטיקען · אוף דיא ווענט אונ דער פערדער איז געווען אקינצלער האט ער אגאנצי צייט גאר ניט גטאן אין דער ארבייט וויא עס איז גקומן דער לעצטער טאג אז ער האט געזעהן זייא זענן שון פארטיג מיט דער ארבייט אונ ער האט שון קיין צייט ניט געהאט צוא מאכען קיין שום געמעל · האט ער גמאכט זיין וואנט אזוי וויא שפיגול גלאז · אז מען האט אקיק גטאן אין זיין וואנט האט מען אן געזעהן דאס גאנצי מאלערין וואס איז געווען אוף זייערי ווענט :

הרב ר' העשיל · אז ער איז געווען אקונד האט ער אמאל ניט געוואלט גיין אין חדר · איז דער בעלפיר אריין געגאנגען צום פאטער אין האט אום צו גיקלאגט אז ער וויל גיין אין חדר האט אום דער פאטער גיפרעגט פאר וואס דר וויל ניט גיין אין חדר האט ער אים גיענפרט ער וויל ניט גיין אין חדר ווייל דער בעלפיר קומט אין שלעפט אום מיט געוואלד · פרעגט אום דער פאטער וויא אזוי דען ווילסטו · האט ער אים גיענפרט איך וועל אנדערש ניט גיין אין חדר סיידען ער זאל מיך בעטען אזוי וויא מען בעט דיך אוף אשמחה : האט מען אן גיזאגט דעם בעלפער ער זאל אום בעטן בטוב · אוף מארגען איז דער בעלפיר גיקומן אין זאגט אום העשיל מען האט דיך גבעטען זאלסט זיך מטריח זיין גיין אין חדר · איז ער תיכף גיגאנגען עס איז אזוי אוועק גיגאנגען עטליכע טעג האט אים דער בעלפיר אזוי גיבעטן אין ער איז גיגאנגען · איין מאל איז גיקומען דער בעלפער אין האט אים גבעטין אין חדר האט ער ניט גוואלט גיין זאגט ער צום בעלפר זאלסט זאגען דעם רעבין גלייך וויא איך בין געווען אין האט ניט געוואלט גיין בשום אופן · איז דער בעלפער אריין גיגאנגען צום פאטר אין האט אום דער צוילט אז ער וויל ווייטער ניט גיין אין חדר · האט אים דער פאטער גיפרעגט פאר וואס ווילסטו ניט גיין אין חדר האט ער גיענפרט אז מען בעט דיך אוף אשמחה אין דיא האסט קיין חשק ניט צו גיין זאגסטו גלייך וויא איך בין געווען : נא · איך האב אים אויך אזוי גיענפערט :

פרייטאג

פרייטאג ביינאכט האט זיך ר' העשיל אריין גיחאפט אין קעך זיין גילעגין אקאטשקע איין אפ גיבראטעני האט ער גינומען און האט אפ גידרייט אפיסל און האט דאס אוף גיגעסין פרייטאג צו נאכט באם טיש ווען דער פאטער איז גיזעסין און האט גיגעסין: האט דער גבאי דער לאנגט דיא קאטשקע · פרעגט אים דער פאטער העשילי ווער האט אפ גידרייט דאס פיסיל פון דער קאטשקע · ענפערט ער דעם פאטער · עס איז אזא קאטשקע מיט איין פיסילי · פעם אחת איז ער זיך גיגאנגען בארין מיט זיין פאטער איז גישטאנען אקאטשקע אוף איין פיס זאגט ער צום פאטער זעסטו טאטי האסט שטייט אקאטשקע אוף מיט איין פיס איז גגאנגען דער פאטער און האט אטראב גיטאן דיא קאטשקע איז זיא אנטלאפין מיט צוויא פיס זאגט אים דער פאטער זעסטו שוין אז אקאטשקע איז מיט צוויא פיס · ענפערט ער דעם פאטער איא האסטו גיזאלט יענע קאטשקע אטראב טאן וואלט זיא אויך אנטלאפין מיט צוויא פיס:

פעם אחת · פרייטאג באטאג · האט זיך הרב ר' העשיל אריין גיחאפט אין קעך און האט אוף גיגעסין דיא גרעסטע שטיק פיש · אין דעם פרייטאג איז גיוועין פיש זייער ביוקר וויא עס איז גיקומען פרייטאג פאר נאכט נאך דעם דאווינין האט דער גבאי דער ציילט אז ר' העשיל האט אוף גיגעסין דיא גרעסטע שטיק פיש · האט אים דער פאטער גיפרעגט העשילי וואס האסטו גיטאן האט ער אים גיענפערט דיא האכט דאך מיר אליין גיזאגט טועמיה חיים זכו · פרעגט אים דער פאטער נאך וואס האסטו נאך גינומען דיא גרעסטע שטיק האט ער אים גיענפערט עס שטייט דאך וגם האוהבים דבריה גדולה בחרו:

הרב הקדוש כאפטא איז אמאל גיזעסין באם שלש סעודות און האט גיזאגט בזה הלשון · הערסטו רבונו של עולם איך זאג דיר אז דיא זאלסט אוף דיינע יודען נים רעדין דיא טארסט אוף זייא נים רעדין · טאמיר וועסטו אוף זייא עפיס רעדין האב איך אוף דיר עפיס אויך צו רעדין דער עולם איז גיבליבען זיצן באימה ובפחד גדול אז זייא האבן גיהערט דיא ווערטער פון אזא הייליגען צדיק · אחר כך האט ער גיזאגט צים עולם · איך וועל אייך פאר

ענקפערין וואס איך האב אייך געזאגט · וואָרום יודען דאַוונען אין
תפילין אין · קב"ה דאַווינט אין תפילין ביא אונז אין דיא תפילין
שטייט שמע ישראל ה' אלהינו ה' אחד · אין דיא תפילין פון
הקדוש ברוך הוא שטייט מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ · דיא
איז נאך אזא טייער פאלק וויא דיינע יודען · היינט וויא באלד דיא
וועסט וועלין רעדין אויף דיינע יודען גייסטו זיך אין פסלי תפילין
דריבער טארסטו אויף דיינע יודען ניט ריידין : ודפח

[illegible] גמו די הייליגע תורה שרייבט אין פרשת
עקדה גאט האט געזאגט צו אברהם געם דיין זון אזו האט אברהם
געענטפערט וועלכען זון איך האב יוא צוויי זין אזו האט גאט געזאגט את
יחידך אשר אהבת דעם איינציגין וועלכע דו האסט ליב אזו האט
אברהם געזאגט איך האב ביידע ליב אזו האט אים גאט געזאגט את
יצחק דעם זון יצחק אונ ברענג אים אויף פאר איין עולה דאס
הייסט זיי אים מקריב פאר איין קרבן אזו האט אברהם תיכף
גנומען אונ האט געטאן אזוי ווי גאט האט געהייסן ווי גאט האט געזעהן
אז אברהם טוט עס מיט דעם גאנצין הארצין אזו האט גאט ווידער
גרופן צו אברהם אונ האט געזאגט אל תשלח ידך וגו' אבער די
היינטיגע וועלט נייסן ניט מער נאר געלט זיי מיינען אז אויף דעם
שטייט די וועלט אונ צום סוף אז די צייט קומט פון דעם מענשן
אפ שטארבן לאזט ער אלדינג איבער אונ גייט פון אזעלכע
לעבעטיגע שטיבער אין דעם פינצטערין קבר וואו ווערט פון דעם
מענטשין אין קבר רימה ותולעה דאס ווערט דער סוף פון דעם
מענטשען דרום ליבע קינדער וועהט געסט פאר אייך מיינע ביידע זאלין
באשטענדיג זיין פר אייערע אויגין · פאר געסט ניט וואס איך האב
אייך געזאגט איך זאג עס ניט פון מיינע געדאנקען נאר איך האב עס
מעתיק גווען מספרי מוסר דער מענטש דארף זיך צו פריהן לעבין
מיט דעם וואס גאט גיט אים איין מענטש דארף דעם אנדערין ניט
מקנא זיין אויך טרעפט זיך נאך אמאל אז דער עושר איז נאר
משליח די אנדערע מענטשן צו שפייזין ער איז ווערט ביי גאט ער
זאל זיין דער שליח דרום דארף דער מענטש גאנץ צו פריהן זיין
ער זאל האלטין גאטס ווילן ער זאל זאגין וואס גאט טוט איז
בוודאי זייער רעכט ער איז אונזער באשעפער אונ צו אים איז
איבעליבער רייך אונ ארום זעגין אים מוסר די נשמה אלי טאג ער

מען מאכן ווי ער וויל דרום זאגן מ״ר אלי טאג בידך אפקיד רוחי נוא ווען איינם טרעפט זיך איין מאל איין סבה אונ דר מענטש געמט עס גיט אן פר ליב אזו טוט ער דר מיט איין עולה מען דארף צו וויסן אז עס טרעפט זיך איין סבה אויף דעם מענש דארף ער זאגן גם זו לטובה ווארום וואס וואלט ער גקענט טאן עס זאל אים נאך ערגיר געשעהן מען דארף צו וויסן אז עס איז ניט דא איין מענש אויף דר וועלט דס ער זאל קיין צרות ניט האבן איך וועל אייך בריינגין א משל פון אלכסנדר מוקדון דס איז זייער גוט בקאנט וואס פאר א גרויסר מלך ער איז גוועזן ווי אלכס. דר מוקדון האט גדארפט שטארבן אזו האט ער אפ געשריבן איין בריעט בריף צו זיין מוטר ער האט איר געשריבן בזה הלשון ליבע מוטר גדענק נאר וואס אויף דעם עולם אונ דס אלדינג איז אבר נאר ווי איין חלום די מוזט וויסן אז נאך מין איז ניט גוועזן איין קליינר מלך נייערט איין גרויסר מלך דרום זאלסטו דיך ניט צוהג זיין ווייא איין מוטר פון איין קליינעם מלך נייערט ווי איין מוטר פון איין גרויסן מלך. דו זאלסט נאך מיין אפ שטארבן הייסן אויף מיין קבר מאכן איין גרויס מעכטיגן פאלאץ אונ זאלסט איין בפעל געבן עס זאל צוא זייער קומן כל שרי מלוכה אויך גראפן אונ פירשטן זאלן קומן צו דעם טאג פון מיין אפ שטארבן בכדי דוא זאלסט דיך קענין מיט זייא לוסטיג מאכן כמו אזוי זייא די פריערדיגי צייטן איז דער מנהג גוועזן נאר אבר זאלסט לאזן אויס רופן עס זאלן נאר קומן דיא וואס האבן קיין צרות ניט אויך אזעלכי וואס זייא זענין קיין מאל אין קיין צרה ניט גוועזן עס זאלן נאר קומן לוסטיגי אונ פריילעכי לייט בכדי דוא זאלסט זיך משמח זיין:

נוא ווייא דיא צייט איז גיקומן אז אלכסנדר מוקדון איז געשטארבן אזו האט מן הסתם די מוטר געוואלט דעם בריב מקיים זיין כמו איר זון האט געשריבן אונ האט גלאזט מאכן איין גרויסי סעודה כמו איר זון אלכסנדר מוקדון האט איר געשריבן אינ האט אום גיזעצט וועלכן טאג די סעודה זאל זיין נוא עס איז גיקומן דער טאג וואס די סעודה האט גידארפט צו זיין האט זי גימיינט עס וועלן בוודאי דיער פיל לייטן קומן אזו ווי איין מלכה שטייט אן אז זיא איז אבר געזעסן אונ געווארט אונ עס איז קיינר ניט גקומן ווי גרויס איז איר גוועזן דר ווייטאג אין הארץ ערשטענס אויף דעם וואס זיא איז איין מלכה. קיינר האט זי ניט גיפאלגט אונ צווייטנס זי האט אן גיגרייט אזו איין גרויסי סעודה אונ עס האט זי קיינר ניט צו עסן

י האט גיפרעגט אירי לייט וואס זאל דאס באטייטען דאס קינד וויל
ניט קומען אויף קיין סעודה וואס איך האב אן גיגרייט אזו האבן
איר די לייט גיענטפערט. ליבי מלכה איר האט יוא אליין אין בעפעל
ארום גיגעבן אז עס זאלן נאר קומען אזעלכע מענטשן וואס האבן
קיין צרות ניט אונ די וואס האבן יוא צרות זאלן ניט קומען איר
זאלט וויסן אונזער ליבע מלכה אז עס איז ניט פר האנדן איין
מענטש וואס זאל אים קיין לייד ניט איבר פארן דרום קומט קיינר
ניט ווייל מען טאר ניט עובר זיין אויף דער מלכה אירי רייד ווי
די מלכה האט דאס דער הערט האט זי אן גיהויבן צו שרייען אלכסנדר
בני אלכסנדר בני די חכמה וואס דוא האסט מיר גישריבן כמו
הנ"ל דאס איז גימיינט אויף אזונר דהיינו דו האסט מורא גיהאט
איך וועל נאך דיר זייער טרויערן דרום האסטו מיר גישריבן איך
זאל נאר רופן אויף דער סעודה אזעלכע מענטשן די גרעסטי הערן
וואס האבן ניט קיין לייד אזו דאס האסט דוא גיטאן בכדי איך
זאל מיך איבר צייגן אז יעדר האט אזעלכי לייד אונ פון דעסט
וועגן לעבט מען אונ מען איז משמח אזו אויך ליבי לייט איר זאלט
וויסן עס איז ניט דא איין זאך אויף דער וועלט אז עס זאל אייביג
לעבין זעהט נאר אירי ליבי לייט דער גרויסר בוים ווי עס קומט
די צייט פון פרי יאר ווי ער הייבט אן צו בליען ער צו לאזט זיינע
צווייגן די בלעטער שפראצן אלי טאג מער אונ פלוצלינג אויף
איין מאל קומט אן איין אנדרר ווינטער דאס מיינט מען איין אנדרי
לופט אזו הייבן אן די בלעטער געל צו ווערן די צווייגן בלייבן
ליידיג אויך אסייך צווייגן ווערן פר דארט אונ צו בראכן אויך
לאמר זעהן דאס גראז ווי עס הייבט אן צו וואקסן אונ די גאנצי
ערד ווערט גרין אונ אלי גאטס בשעפניש וועלכי די נאטור ווערט
דער צו בשאפן דאס זיי זאלן זיך פון דעם גראז נערן אונ פלוצלונג
אויף איין מאל זעהן מיר ווי דאס גראז ווערט פר דארט אונ די
גאטס בשעפניש האבן דער פון מער קיין ניצען ניט אויך די לבנה
לאמר זעהן די לבנה הייבט אן אויף צו גיין ווי א לעבעדיג עס
ווערט די גאנצי וועלט בצירט איר ליכט ווען מען זעהט דאס
ליכט פון דער לבנה אזו ווערט דער מענטש גאנץ אונ פריש •
אונ פלוצלונג אויף איין מאל קומט אן איין דיקער וואלקן אונ פר
שטעלט פון איר דאס ליכט דאס עס איז נאר ניט צו דער קענען אונ
עס איז ליכטיג גיוועזן אזו אויך איז דער מענטש אויף דער וועלט
די עטליכע יאר וואס ער לעבט אזו לעבט ער אונ רעט ער ווערט
בכל עבודות טאן בכדי ער זאל מער געלט האבן דער מענטש זאל

ניט האבן דעם מלכות איבר זיך וואלט איינר דעם אנדרן דאס
לעבן גנומן בחיים. ער זאל זיין פר מעגן אוועק געמן דריבר בארגן
מיר בעטן אויף אונזר קיסרים לעבן השם יתברך זאל אים לענגערן
זייני יארן השם יתברך זאל מאכן פאלן די פיינד פר זייני פיס דר
מענטש איז גליך צו איין חלום דהיינו. עס חלומט זיך איינם ער הט
גפונן איין אוצר גוא דער מענטש ווייסט ניט בשעת ער שלאפט
אוב עס איז ליגן ער מיינט אקאראט הט ער דר וייל גרוס שמחה
אונ וויא ביטער איז אים אז ער טאפט זיך אוף אונ ער ליגט גאר
אין העמד אין בעט אונ ווייסט גאר ניט וואס מיט אים טוט זיך
ביז ער קלערט גרשט אז דס איז גאר גיוועזן איין חלום אזו אוך
דר מענטש איז צו די אלי משלים גיגלעבן פליצלונג הט ער הנאה
אונ הט קינדר אונ עושר פר מעג אונ אוף איין מאל קומט די
צייט העלפט אים דס אין גאנצן ניט ער כח פון דר וועלט גיין
דרום איר ליבי לייט זעהט נאר דעם סוף פון אלי מענשן בטרעכט
אייך וואס ניצט דס געלט וואורום אז עס קומט די צייט פון שטארבן
קוקט ער ניט ארום אודר רייך יעדער איז גלייך דרום אויב עס
קומט ח"ו איין צרה אויף דעם מענטש זאל ער גם פר ליב געמן
אונ זאל זאגן דעם פסוק כמו הנ"ל יעדר מענטש זאל גאר עוסק
זיין אין תורה אונ מצות ער זאל ניט לויפן נאך תאות עולם הזה
די וועלט איז רק הבל ער דארף טראכטן ער זאל האבן דאס
אייביגי לעבן דס מיינט מען עולם הבא דארטן איז דאס רעכטי
לעבן אונ ווער עס גרייט זיך אום פרייטאג אן שפייז אויף שבת
דר הט שבת וואס צו עסן אונ ווער עס גרייט זיך ניט אן הט ניט
וואס צו עסן אזו אוך ווער עס גרייט זיך אן בעולם הזה דר גפינט
עס בעולם הבא דר דאזיגר וואס גרייט זיך ניט אן דר וואלט
דארטן זיך געבן. עפיס גקויפט רק ער הט ניט פר וואס זיך צו קויפן
אונ וויא צו קויפן דרום זאל יעדר מענטש טראכטן זיך שפייז מיט
צו געמן דס מיינט מען מצות אונ וועלכר מענטש. עס וועט מייני
בייר אין אכט נעמן בטוח אני שהוא בן עולם הבא נוא מייני
ליבי קינדר איך וואלט אייך נאך מער מוסר ארום גישריבן נאר
דיא הייניגי וועלט האבן פיינט אז מען שטעלט זיי פיל מוסר
דרום טוא איך בשטענדיג גאט בעטן אז מיר זאלן חס ושלום פון
דעם ריכטן וועג ניט אפ טרעטן השם יתברך זאל אונז צו
היטן פון אלים בייזן אמן: